**נומער 28.1**

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י װ   א ר ד ע ר</u>

**דעקלערנדיג א דיזעסטער עמערדזשענסי אין ניו יארק סטעיט**

**וויבאלד**, לויט אפטיילונגען 362 און 365 די פובליק העלט סערוויסעס אקט 42 U.S.C §§ 362 און 365, און די איינפירנדע רעגולאציע ביי 42 C.F.R. § 71.40, אום אויגוסט 2, 2021 האט דער דירעקטאר פון די פאראייניגטע שטאטן צענטער פאר דיזיז קאנטראל (Center for Disease Control and Prevention, CDC) ארויסגעגעבן א *פובליק העלט ווידער-אפשאצונג און באפעל וואס שטעלט אפ די רעכט צו אריינברענגען געוויסע מענטש פון לענדער וואו א קווארנטין-בארע אריבערפירבארע קראנקהייט עקזיסטירט* (דער "טיטל 42 באפעל");

**וויבאלד**, דער טיטל 42 פארבאט מיגראציע אריין אין די פאראייניגטע שטאטן דורך "געדעקטע נישט-בירגער" וואס רייזן פון קאנאדע אדער מעקסיקא (אפגעזען פון זייער אפשטאם לאנד) וועלכע וואלטן אויסער דעם געווארן אריינגעברענגט אין א קאנגרעגעיט אומגעבונג אין אן אריינגאנג פארט אדער פאראייניגטע שטאטן גרעניץ פאטראל סטאנציע ביי אדער נעבן די פאראייניגטע שטאטן לאנד און נעבנדיגע וואסער גרעניצן;

**וויבאלד**, אפילו מיט טיטל 42 אין קראפט, זענען א גרויסע צאל מיגראנטן מיט באלדיגע האָוזינג און סערוויס געברויכן אנגעקומען אין די סיטי פון ניו יארק אין פארלויף פון די לעצטערע מאנאטן: די סיטי פון ניו יארק, אליין, טוט יעצט צושטעלן צייטווייליגע האָוזינג פאר 36,738 מיגראנטן פון די דרום'דיגע גרעניץ, א צאל וואס האט זיך געהעכערט מיט 12,279 מענטשן זייט יאנואר 2023; און מיט נאך 1,578 מענטשן אין בלויז די לעצטע וואך.

**וויבאלד**, דער טיטל 42 וועט אפלויפן אום מאי 11, 2023, און, מיטן אפלויף פון די טיטל 42 באפעל, איז ערווארטעט אז עס וועט זיין א כוואליע פון מיגראציע אריין אין די פאראייניגטע שטאטן וואס וועט רעזולטירן אין באלדיגע אנקום פון מענטשן צו די סיטי און סטעיט אוו ניו יארק ביי א העכערע ראטע פון וואס איז ערווארטעט צו זיין צענדליגער טויזנטער נאך מענטשן וואס זוכן שעלטער יעדע וואך;

**וויבאלד**, פעדעראלע שטיצע איז קריטיש וויכטיג צו שטיצן ניו יארק סיטי און אנדערע לאקאלע רעגירונגען איגערהאלב די סטעיט וואס מאנגלען אין די אינפראסטרוקטור, פאסיליטיס, און ריסאורסעס וואס זענען נויטיג צו נאכקומען די באלדיגע הומאניטעריען פארלאנג פאר האוזינג און נאכקומען אנדערע איינפאכע געברויכן פון די גרויסע צאל מיגראנט אנקומענדע; און

**וויבאלד**, דער אנקום פון העכערע צאלן מיגראנטן וואס זוכן שעלטער אין די סיטי און סטעיט אוו ניו יארק איז ערווארטעט צו פארערגערן א שוין-יעצט גרויסע הומאניטעריען קריזיס און שאפן א דיזעסטער עמערדזשענסי צו וועלכן לאקאלע רעגירונגען קענען נישט גענוג רעאגירן, שאפנדיג א דראאונג צו געזונטהייט און זיכערהייט, וואס קען רעזולטירן אין די פארלוס פון לעבן אדער פראפערטי; און

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האָקול**, די גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון די עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז דעקלערט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 28, און איך טוה דערמיט פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 28 ביז יוני 26, 2023.

**אין צוגאב**, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך טייל 29-a פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ צייטווייליג אפצושטעלן אדער צו ענדערן סיי וועלכע שטאטוט, לאקאלער געזעץ, פאראָרדענונג, ארדער, כלל אדער רעגולאציע, אדער טיילן דערפון, פון סיי וועלכע אגענטור דורכאויס א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי, אויב דאס אויספאלגן אזא שטאטוט, לאקאלער געזעץ, פאראָרדענונג, ארדער, כלל אדער רעגולאציע וועט אפשטעלן, אפהאלטן אדער שטערן די שריט וועלכע זענען נויטיג זיך צו אפרופן צו די דיזעסטער עמערדזשענסי אדער אויב עס פעהלט אויס צו ארויסהעלפן מיט די אפרופונג צו די דיזעסטער, טוה איך דערמיט צייטווייליג אפשטעלן אדער ענדערן, פאר די צייט אפשניט פון דעם דאטום פון דעם עקזעקיוטיוו ארדער ביז יוני 26, 2023, די פאלגנדע:

- די סטעיט איינהייטליכע פייער פארמיידונג און געביידע קאָוד; די סטעיט ענערגיע-שפארזאמע קאנסטרוקציע קאָוד; די ניו יארק סיטי קאנסטרוקציע קאָודס; די ניו יארק סיטי פייער קאָוד; די סטעיט סאניטערי קאָוד און סיי וועלכע און אלע לאקאלע סאניטערי קאָודס; און אלע סטעיט און לאקאלע געזעצן, פאראָרדענונגען, כללים, רעגולאציעס און קאָודס אין פארבינדונג מיט די אדמיניסטראציע און אינפארסירונג פון די אויבנדערמאנטע אויף אזוי ווייט ווי עס איז נויטיג צו ערלויבן – איינמאל עס ווערט באשטעטיגט דורך א באשטעטיגטע סטעיט קאנסטרוקציע-פערמיט אגענטור און אונטער די טערמינען און באדינגונגען וואס די סטעיט קאנסטרוקציע-פערמיט אגענטור קען אוועקשטעלן – דאס באנוץ פון די געוועזענע לינקאלן טורמע געביידע אין ניו יארק קאונטי צו דינען אלץ צייטווייליגע וואוינונג קווארטירונגען.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן  אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון
די סטעיט אין אלבאני סיטי אום דעם זיבן און צוואנציגסטן
טאג פון מאי, אין דעם יאר צוויי טויזנט דריי און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער